# ווײַבער

יצחק באַשעוויס

## I

נאָכן טאַטנס טויט איז פֿאַרבליבן זײַן פּאָרטרעט אין אַ שווערער, געגילטער ראַם, וואו ער האָט נאָך געהאַט אַ קלײן־פֿראַנצייזיש בערדעלע, געטראָגן אַ שטײפֿן קאַפּעלוש און אַ שטײפֿן קאָלנער ביז צו דער גאָמבע. דאָ, אין פּאָרטרעט, איז דער טאַטע נאָך געווען גאָר־גאָר אַ יונגערמאַן, געהאַלטן דאָס שטעקעלע אין האַנט מיט יונגערמאַנישער זיכערקייט אין זיך און אַזוי לעבעדיק אויסגעזען, אַז אָט־אָט גייט ער דיר אַראָפּ פֿון בילד, קוקט זיך אום אין שטוב און זאָגט: אַנו, רבקה?... דאָס קלײנע מאַמעלע דערפֿאַר האָט שוין אויסגעזען געעלטערט. פֿון דער קורצער צײַט, וואָס דער מאַן האָט געקרענקט, איז איר פֿאַרריסן נעזל הײטלעך געוואָרן, אירע באַקן אײַנגעפֿאַלן, און דאָס קלײנע, האַרטע, שפּיציקע גרעקעלע אויף די געבליבענע האָר האָט יעצט אַראָפּגעקוקט האַרב, שטעכעדיק. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין אירע שטיבן אָפּהענטיק, געפּראָכעט די ווענט מיט אַ פֿלעדערוויש, אָנגעדרייט דעם זייגער און געוואַשט, אַז זי איז אַ פֿאַרלוירענע... פֿון צײַט צו צײַט האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן מאַנס פּאָרטרעט, מיט טעמפּן באַהויערן זיך אײַנגעקוקט אין אים און צוגעשאָקלט צו אים מיט איר קעפּל.

— וואָלסט נאָכאַמאָל געשטאָרבן, גרשון, ווען דו זעסט, וואָס דאָ טוט זיך — האָט זי צו אים געברומט. — אַ שיין פּנים האָט שוין היינט דײַן רבקה...

ס'איז געווען איצט פֿרײַטאָג־פֿאַרנאַכט, שוין גוט שפּעט געווען — האָט זיך די אַלמנה ערשט דאַמאָלסט דערמאָנט, אַז ס'איז שבת, אָנגעצונדן צוויי ליכט און פֿונדעסטוועגן באַלד דערנאָך אַוועקגעשטעלט זיך בײַ דער קיך קאָכן טיי צום לעצטן שטיקל ברויט. פֿון די שפּאַלטן פֿון דער קיך זײַנען, ווי שטענדיק אַרויס לאַנגע, ברײנע ווערים, משונה־גיך זיך צעלאָפֿן איבער די קוים אָנגעוואַרעמטע בלעכן און די אַלמנה האָט זיי געשלאָגן מיט אַ נאַסער שמשערקע.

— מאַרש, פֿאָ—שאָל! — האָט זי צו זיי געשריען מיט כּעס און פֿאַרצויגענע ברעמען. — מאַרש!

די טיר פֿון פֿאָרהויז האָט זיך געעפֿנט און אַרײַנגעקומען איז רוטע, די אײנציקע אַכצן־יעריקע טאָכטער. אויך זי האָט שוין דרײַ חדשים ניט פֿאַרדינט קיין גראָשן בײַ די היט, וועלכע זי פֿלעגט אַמאָל פּוצן, גאַנצע טעג אָפּגעזעסן בײַ שכנים, געשפּילט אין דאָמינע מיט בעל־מלאָכה־יונגען און נאָר פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנגעקומען געוואויר־ווערן צי ס'איז דאָ עפּעס צו עסן. אַ הויכע, שײנע מויד איז דאָס געווען, ליב געהאַט צו גיין און פּײפֿן, געהאַט אַ ביסל אַ מענעריש קול און גרעסער געווען פֿון דער מאַמען מיט אַ קאָפּ. מיד געוואָרן פֿון שכנישע פּלוידערייען — איז זי געקומען אַ קוק טאָן אין שטוב אַרײַן און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער ברייט פֿון דער טיר, מיט בײדע הענט אויף די בײַשטילן.

— הער נאָר אַ מעשה גאָר פֿאַרגעסן, אַז ס'איז היינט שבת! — האָט זי זיך געוואונדערט, דערזעענדיק די צוויי ליכט אין שטוב אויפֿן רויטן, געשטריקטן טישטוך. — אַ סקאַנדאַל, כ'זאָל אַזוי לעבן. —

איר, דער מויד, איז אַפּנים ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען דעם טאַטנס טויט. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט זי נאָך מער געקאָנט אָפּליגן אין פֿרעמדע שטובן, שפּאַצירן אין די גאַסן מיט יונגען און סודען זיך אין טויער. די מאַמע האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט איין אויגל. — זי הורכגעבויערט מיט איר גיך, פֿרווונדיק בליקל און אַ שטילן, אָפּגעהאַקטן מרוק געטאָן: ווײַטער אַראָפּגענומען דאָס דעקל פֿון טשײַניקל, געבריט זיך דאָס פּנים בײַ דער פּאַרע און נישט געקאָנט דערזען, צי קאָכט עס שוין דאָרטן, צי נישט. —

— דער טײַוול ווייסט עס, וואָס ס'איז מיט אָט־דער קיך געוואָרן — האָט זי אָפּגעווישט דעם שטערן מיט אַ ברודיק האַנטעך, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן בעטל. — אַז ס'גייט — גייט אַפּנים אין אַלעמען...

די מאַמע האָט געוואָלט אָנהייבן וועגן דעם, אַז אַזוי ווי ס'גייט איר מיט פּרנסה, אַזוי גייט איר אויך מיט קינדער, געוואָלט זאָגן, אַז זי האָט שוין אַ שלעכטן שם אין הויף, רוטע, און אַז אַזאַ פּשוטע בהמה, ווי די „שרײַערין", האָט אויך שוין אויף איר עפּעס צו ריידן. זי האָט איר היינט אַ זאָג געטאָן אַ וואָרט וועגן איר — איז דער מאַמען נעבעך דאָס פּנים פֿאַרפּאַטשט געוואָרן... אָבער נאָך איידער די מאַמע האָט געקאָנט אויסגראַבלען די מאָגערע, אויסגעווײנטע פּאָר ווערטער פֿון איר אויסגעלערטן קאָפּ, איז שוין רוטע געווען אין דער צווייטער שטוב.

זי האָט דאָרטן געפֿונען ברויט, עס געגעסן מיט אַפּעטיט, פֿאַרלייגט איין פֿוס אויפֿן אַנדערן און זיך אײַנגעקוקט אין די שבת־ליכט מיט גרויסע, אָפֿענע אויגן, זיכערע אין זיך און מיט יענער פּשטות פֿון געזונטע מענטשן, וואָס אי זיי ווילן ניט זאָרגן און אי זיי קענען עס ניט. די מאַמע איז אַרײַנגעקומען מיטן טשײַניקל טיי, עס געטראָגן מיט אַ שמאַטע, אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז, אָנגעגאָסן דער טאָכטער אַ גלאָז און געמאָסטן דאָס וואַסער אין די גלעזער מיט יענער ושעדנעקייט פֿון אַ קאַרגן, וואָס האָט מורא, אַז ער גיט צופֿיל...

— אײנגאַנצן דרײַ שטיקלעך צוקער נאָך דאָ אין דער פּושקע — האָט זי געדערט. — די שונאים זאָלן אַזוי לעבן, צי ס'וועט זײַן זיס!

זי האָט פֿונדעסטוועגן דער טאָכטער אַרײַנגעטאָן די דיקע קאָסטקע און זיך אַלײן — נאָר אַ דינע און אַ געלבלעכע, פֿאַרגעסן פֿון דער אינדערפֿריעדיקער קאַווע. ווי שטענדיק — האָט רוטע דערצו זיך צוגעקוקט מיט אָפֿענע אויגן, ניט געפּרוּווט זאָגן, אַז די מאַמע זאָל פֿאַר זיך אַרײַנטאָן די דיקע קאָסטקע און גענומען טרינקען גלײַך פֿון גלאָז אַרויס, גיך און פּלוסקענדיק זשלאָקען מיטן מויל, ניט אָנרירנדיק דאָס גלאָז מיט די הענט. אָפּגעטרונקען — האָט זי זיך אײַפּגעשטעלט, גלײַך גרייט אַוועקצוגיין.

— שוין ווײַטער געגאַנגען? — האָט זיך די מאַמע מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. — און וואָס וועט כ'בעט דיך פֿ אָ ר ט זײַן דער תּכלית? וואָס וועט פֿ אָ ר ט פֿון דעם זײַן? —

זי האָט אויסגעקרימט איר קעפּל, ווײטיק, יסורימדיק און תּרעומותדיק זיך אײַנגעקוקט אין איר בלוט־און־פֿלייש און ערשט יעצט דערזען, אַז די טאָכטער איז קיין טאָכטער ניט. אַ שטיק האַלץ האָט זי געהאַט מיט איר גרשונען... די מויד האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ שאַר געטאָן עטלעכע קרישקעס, און פֿאַרלעגן געשמייכלט ווי דאַמאָלסט בשעת מ'נאַרט אָפּ און מ'איז זיכער, אַז יענער ווייסט עס.

— וואָס דאַרף דען זײַן? — האָט זי געפֿרעגט.

— פֿאַרגעסט, אַז דו האָסט יעצט אויפֿגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט? — האָט די מאַמע זי שוין אָנגעקוקט פֿרווועריש־מבֿיניש, ווי מ'קוקט אויף עמעצן, וועלכן מ'איז חושד, אַז ר'האָט דעם דעת פֿאַרלוירן. — ווייסט שוין גאָרניט, וואו דו ביסט אין דער וועלט?

זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן גרשונען, אַ קוק געטאָן צו אים, ווי זי זאָל אים פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ פּשט האָבן עפּעס זײַן

געקריגט, מיט באַהאַלטענער הנאה אַ קראַץ געטאָן אין גרויסן, שווערן שייטל.

— געקריגט זיך?

— אַ קלייניקייט, כ'האָב באַליידיקט איר רוטען! — האָט די שרייערין געזאָגט.

זי איז עפּעס דאָס מאָל אינגאַנצן רויִק געווען, די שרייערין, גאָרניט גערעדט, געמרודשעט מיט די אויגן און געשמייכלט צעמישט און מיט פאַראויסגעזעענער נקמה. זי האָט געקלערט וועגן דעם, וואָס זי האָט זיך געגרייט צו זאָגן, מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיין צו פיל און סוף־כל־סוף עס אַרויסגעזאָגט.

— הערט נאָר אויס — האָט זי ציטעריק־גיך אַן עפּן געטאָן די טיר, גרייט צו אַנטלויפן — אַז אייער טעכטערל וועט קומען — גיט איר אַ קוק אויפן בויך...

זי איז גיך אַרויס, געוויגט דעם מעוברתדיקן זאַק און געלאַכט אומנאַטירלעך, אָפּגעהאַקט. די קליינע יידענע מיטן שווערן שייטל האָט דערשראָקן נאָכגעקוקט איר, עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן, געוואָלט עפּעס אַ זאָג טאָן דער אַלמנה און אַרויס.

— אַ מבוזהניצע אָט־די שרייערין — האָט זי געזאָגט מיט אַ צוגעדישעט קול צו זיך אַליין שוין הינטער דער טיר שטייענדיק. — דאָס טוט מען נישט, דאָס...

---

רוטע איז אַהיימגעקומען פאַרנאַכט. זי איז שוין אויפן וועג געוואָר געוואָרן, אַז די שרייערין האָט זיך געקריגט מיט איר מאַמען און יעצט אַריין אין שטוב שטיל און מיט דער הכנעה פון דערוואַקסענע ווידערשפּעניקע קינדער, וואָס זיינען געניט צו נעמען ביי אָרעמע עלטערן. זי האָט זיך אומגעדרייט אין קיך, געזוכט אין די טעפּ, געגעסן, וואָס ס'איז איר געקומען אין דער האַנט אַריין און געקייט טעמפּ און מיט בהמהשן אַפּעטיט. די מאַמע, וואָס איז ביז יעצט געשלאָפן אין אָנטאָן אויפן בעט, האָט געעפנט פאַמעלעך די אויגן, זיך צוגעהערט, ווי די טאָכטער פּאָרעט זיך אַרום אין קיך און געהאַט באַשלאָסן ניט אָנצומאַכן יעצט קיין געוואַלדן, די שונאים אויף צו־להכעיס. אָן כוח, אָן כעס איז זי אַראָפּ פון געלעגער, אַריינגעטשאָפּעט צו דער טאָכטער אין קיך, געגרייט זיך מיט איר צו ריידן וועגן אַ תכלית און מיט גוטן. זי איז געווען אַזוי מיד פונם יעצטיקן שלאָפן, אַז זי האָט ניט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס, אַוועקגעפאַלן אויפן אייזערנעם בעטל און אַ זיפץ געטאָן.

— שוין געהערט, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן? — האָט זי געזאָגט האַלב־קרעכצנדיק. — הע?

— געהערט.

— נו, וואָס־זשע זאָגסטו?

— וואָס זאָל איך דען זאָגן? —

— האָסט שוין גאָרניט, וואָס צו זאָגן?! —

— ניין. כ'גיי סיי־ווי־סיי [...]ייזק פון שטוב — האָט די טאָכטער געזאָגט. — כ'וויל פאָרן ערגעץ ארבעטן...

די איז געשטאַנען ביים געעפנטן שענקל, געגריזשעט קאַלטע, נעכטיקע קאַרטאָפלעס, הויך געשלונגען און קרימלעך אויסגעבויגן איר ברייטן, תמוהאַטן רוקן צו דער מאַמען, גרייט צו נעמען אַ קלאַפּ. די מאַמע האָט זיך אויפגעהויבן פון בעטל, אין דער בין־השמשותדיקער טונקלקייט באַטראַכט די טאָכטער אַרום־און־אַרום: זי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איר בויך, דערזען, אַז די שרייערין האָט קיין ליגנס ניט געזאָגט און סתם אַזוי איר אַ קניפּ געטאָן, אַ טיפן, אָן־אָטעמדיקן קניפּ אין פלייש, אַ דינעם און אַ שטעכעדיקן, ווי מיט אַ געגליטער שפּילקע...

— נאַ — האָט זי סודותדיק־שטיל פאַרקריצט מיט די ציין — נאַ, אָ—נאַ...

די מויד האָט ניט געקוויטשעט. זי האָט בלויז אַ ברום געטאָן, מיט צער און פאַרוואונדערונג: אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם מאַמעלע און גערייבן דאָס פלייש פון ווייטאָג.

די מאַמע דערפאַר איז גיך אַריין אין דער האַלב־חושכער שטוב, זיך געדרייט אויף איין אָרט, געבליבן שטיין פאַר איר מאַנס פּאָרטרעט און זיך איינגעקוקט דערין ווייטיק און מיט איין פאַרזשמורעט אויגל, אַ הוכנדיקס און אַ ניט דערקענענדיקס.

— מיר האָבן גוט דערלעבט זיך, גרשון, — האָט זי גערעוועט צו אים. — הע?...

---

# בלעטערנדיק

## קורצע באַמערקונגען

משה שאַליט / ווילנע

מיר האָבן אָנגעהויבן די „קורצע באַמערקונגען“ אַמאָל אין דער „ביכער־וועלט“ (1924, נומ' 1—2) און ווילן זיי דאָ ־סירן ווייטער.

ווי אין דער „ביכער־וועלט“, פּרעטענדירן ניט די באַמערקונגען אויך דאָ אויף קיין שום סיסטעם, — זיי שווימען אַרויף פון זיך אַליין, בלעטערנדיק ביכער און זשורנאַלן, צייטונגען און דרוקזאַכן. די „באַרשיידענע קוריאָזן, גרייזן, חסרים און טעותן“ זיינען זייער פיל. מיר וועלן נעמען דער עיקר די, וואָס האָבן אַ גרעסערן, אַלגעמיינעם אינטערעס און וועלן זיי דאָ פון צייט צו צייט פאַרצייכענען.

1

פּראָפ. ד"ר מ. באַלאַבאַן האָט אין נ. 68 „היינט“ (20 מערץ 1925) אָנגעהויבן צו דרוקן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דעם „גר צדק אין גענדע איז פאַראַן אין אַ העברעיִשן כתב־יד און איז צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף פויליש פון דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער קראַשעווסקי אין זיין דריי־בענדיקער געשיכטע פון ווילנע און פון דאָרט איבערזעצט אין רוסיש און געדרוקט אין דער „יעווריעאיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ, באַנד III, פּעטערבורג 1873, העברעיִש איז ערשינען די מעשה גר־צדק אין יאָר 1862 אין יאָהאַנעסבורג, אין דרום־אַפריקע“.

די דאָזיקע עטלעכע שורות, וואָס דאַרפן זיין, אַזוי צו זאָגן, די גאַנצע ביבליאָגראַפיע פון דער מעשה גר צדק, זיינען פול מיט אומפּינקטלעכקייטן, טעותן און גרייזן, אָפטמאָל פשוט אומפאַרשטענדלעכע.

די מעשה גר־צדק איז פאַראַן אין אַ ריי כתב־ידן ביי פּריוואַטע
[illegible]

# פון דער מאָדערנער פּוילישער דיכטונג



יוזעף וויטליי.

## פייער-הימן.

לעש מיך שוין אויס! כ'ברען שוין צו לאַנג,
איך דיין לאָמפּ! איך דיין הייליקער פלאַם!
אויב ס'דאַרף זיך נישט אָנצינדן פון מיינע פייערן
אויף אירע פיר ראָגען — די גאַנצע וועלט!

בײַז שוין אויף מיר — מיטן אָטעם פון דיינע לונגען
ביס אויף מיר עמערס טרערן, קוואַליקע טרערן,
וואָס פליסן אויס די אויגן פון דיינע מלאכים
צוליב דער נויט פון די קלאָגנדע אויף דער ערד.

דערשטיק מיך — מיט די פלאַכטעס אין בלוט דורכגעווייקטע
מיט אויסגעפלאָסענעם אויס די שויסן פון דיינע קרבנות,
וואָס האָבן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּ וְגעגוסיט,—
פון ליבשאפט צו דיר! — — — —

— — — — — — — — — — — — —

לעש מיך אויס! — — — כ'פלאַקער אומזיסט! — — —
פון דעם פלאַם, וואָס איז אין מיר,
האָבן נישט אויפגעפלאַקערט די הערצער פון אַלע שטעט,
און נישט צעצינדן זיך אַלע וועלדער.

נישט גערירט אין קריעג — פאַרפרוירענע טייכן,
און ס'האָט זיך נישט צעלאָזט דאָס גאַנצע גאָלד,
דאָס פאַרשלאָסענע אין די אייזערנע קאַסעס
און אפילו נישט מיט מיין שרפה רערוואַרימט
די אויוונס — אין אַרימע שטיבלעך!

ערגיץ ווו נור אין די קעפּ פון יינגע ייִנגלעך
גליען פונקן.
און נאָר אַמאָל — אין די אויגן פון אָרימע מיידלעך,
צאַנקען בלאַסע פלעמלעך — — —

לעש מיך! — שון צייט!
כ'וויל שטאַרבן אין מיטן פון מיין פלאַמיקן בליען,
איך—דיין לאָמפּ, איך דיין הייליקער פלאַם,
דיין פלאַקערנדער קריגסמאַן!
איך – דיין קריגסמאַן!

נישט מיך — לאָז אַזוי צאַנקען ביזן סוף
און זיך אויסברענען דערנאָך — נישט גענוצט,
אויף גרוי, טרוקן, אומבאַוועגלעך אַש,
מיט וועלכן אומגעקערטע זינדיקער פאַר דיר
אין רגעס פון תשובה—וועלן באַשיטן זייערע קעפּ.
נישט מיך!

און נישט אַפילו אויף אַזאַ אַש מיט וועלכן דו,
ווּעסט טרוקענען דיינע באַגנעדיגונגס-דעקרעטן
צי אויך די טויט-אורטיילן!
לעש מיך! — איך וויל נישט זיין קיין אַש,
לעש מיך! — ווייל האָסט מיך צעקרייציקט,
לעש מיך! — שוין צייט! — — —

פון פּויליש: ש. ל. שנײַדערמאַן

---

# ש ו ו ע ס ט ע ר

יצחק באַשעוויס / וואַרשע

שוין אַ לענגערע צייט, אַז די היטן-פוצערקע, פרײַליין פרי=דע, אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ גרינגע, מיט קליינע בייזע אייגעלעך און אַ פאַרקרימטער נאָז, ווי זי זאָל תמיד שפירן אַ שלעכטן ריח, האָט אויפגעהערט אַרויסצוגיין באַנאַכט, און האָט זיך אַרײַנ=געטון אין לייענען ביכער. אַ שווייַגנדיקע, דורכגענומען מיט שנאה און פאַראַכטונג צו אַלע מענער, האָט זי זיך שטאָלץ און פאַר=עקשנט געהאַלטן ווייט פון מענטשן, נישט נאָכגעגאַנגען די מאָדע און נישט אָפּגעשוירן די האָר, כאָטש זי זענען בײַ איר שוין גאָר-גאָר שיטער געווען און דאָס שפּיציקע גרעקל פון הינטן איז דאַרער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. איר שוועסטער, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, אַ בלאָנדע, מיט לאַנגע צעפּ, מיט אַ געטאָק=טער נאָז, אַ פול פּנימל, מיט גרויסע, בלויע, קינדערשע אויגן, איז געווען דער היפּוך פון איר נישט נאָר דערמיט, וואָס זי האָט אַנדערש אויסגעזען, נאָר אַפילו מיט איר גאַנצן כאַראַקטער. להיפּוך צו דער עלטערער, איז זי געווען אַ גוט-ניקע, אַן עניוות=דיקע, האָט ליב געהאַט צו זינגען לידלעך, אָנגעקוואָלן פון אַלע נאַרישע וויצן, וואָס בחורים האָבן געמאַכט און פלעגט אָפּשטיין שעהן לאַנג בײַם שפּיגל און פלעכטן די צעפּ. אַז זי האָט אָפּ=געאַרבעט אַ גאַנצן זומערדיקן טאָג, האָט זי אָנגעטון איר ליליע היטעלע, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ קורץ גראַנאַטן קליידל מיט אַ סך פאַלדן, אַ זייבער-ווייס בלוזעלע, כמעט אָן אַרבל און אַ שולדיקע, וואָס זי לאָזט איבער די שוועסטער אַליין, געזאָגט:

263-262 (1926) 103

— פרידע, איך גיי אראפ אויף א ווײַלע...

זי איז געווינט געווען, אז פרידע זאל א שאקל טון דעם קאפ אין ביכל אריין און שווייגן מיט פארצויגענע ברעמען, ווי איינער זאגט: נו, כ'האלט דיך נישט צו... היינט אבער האט פרידע האסטיק א הויב אויף געטון דעם קאפ, גלייך ווי די ווערטער וואלטן זי שטארק און נישט אנגענעם איבערראשט, מיט איין אייגל אפגעמאסטן לאהן פון קאפ ביז די פיס און איר קול איז געווען שארסטקע, פול מיט איינגעהאלטענעם פארדראס.

— דו גייסט? — נו ניי... ס'גייט נאר דערין, אז איך קען נישט זיצן ביז שפעט אין דער נאכט אריין און ווארטן אויף דיר... ניין, איך קען עס נישט!... און אויב דו וועסט טאקע קומען שפעטער, ווי עלף, וועסטו מעגן שטיין און קלאפן... איך הער נישט...

זי האט זיך אפנים לאנג דערויף געהאט געגרייט, ווײַל זי האט זיך געשטיקט מיט די ווערטער, אזש פארקוועטשט אין אייגל פון גרויס פארלעגנהייט. לאה האט שוין גאנץ גוט געוווסט, וואס דאס הייסט, האט זיך גלייך דערשראקן, צעטאמלט א קוק געטון אויף דער שוועסטער, עפעס ווי נישט געגלויבט די אייגענע אויערן און געזאגט:

— אזוי? ביז עלף?... נו, און אז כ'וועל וועלן גיין אמאל אין טעאטער אריין?

— אז וועסט וועלן גיין אין טעאטער אריין — קענסטו דיר דינגען א לאזשע צום שלאפן! — האט פרידע פארקנייטשט די נאז און אירע טונקעלע אייגעלעך זענען שטיין געבליבן — זיצן און אפווארטן מײַנע נעכט אויף דיר — קען איך נישט! איך בין נאך, דאכט זיך מיר, אויך נישט געשטארבן!...

זי האט א גיכן מיש געטון מיט א בלעטל פון ביכל, און שטארק און פליסיק זיך א פארטיף געטון אין אינהאלט, ווי ס'וואלט נישט געווען פאר איר קיין כבוד מער זיך אויסצוטענהן מיט אט=דעם מ י ד ל ט ש י נ ע. האט די קליינע זיך אפגעשאקלט, א קוק געטון מיט א בעטנדיקן, פארלעגענעם בליק צו דער טיר און אין דעם בליק איז געלעגן די גאנצע שווערקייט און אומדערטרעגלעכקייט פון א פריש=געבאקענער צרה, וואס קומט פלוצלונג...

— הער=נאר א געשיכטע! זומער ביז עלף! ס'איז דאך שוין באלד עלף!...

די קליינע איז ארויס שטיל, אראפ שטיל פון די טרעפ. ביים טויער איז געשטאנען א הויך, שמאל בחורל, אן איידעלער א שעמעוודיקער, ווי ער וואלט כסדר מורא געהאט ס'זאל עמעצער נישט דערגיין אויף וואס ער ווארט דא. פול מיט געדולד און געווינט אלץ איבערצוטראגן פאר דעם ווינציקן גליק פון ליבע, האט ער געלאסן געדרייט זיין קאפעליוש אויפן פינגער, אלעמאל צוגעגלעט מיט דער אנדערער האנט זיין בלאנדע, ווײַכע טשופרינע, און כדי אפצונארן די פארשטנדיקע, נייגעריקע דינסטמיידלעך, זיך איינגעקוקט שטארק און זשמורנדיק אקעגנאיבער אין דער טונקלקייט, וואס האט באדייט, אז ער ווארט ס'זאל עמעץ פון דארטן ארויס. אז די קליינע איז ארויסגעקומען פאמעלעך, א בלייכע און געגאנגען גלייך צו אים, האט ער זיך זייטיקשעמעוודיק צו איר אויסגעדרייט, אזא גוטן שמייכל געטון און געזאגט האט דער שמייכל: קום, קום, אויף דיר האב איך טאקע געווארט... האסט קיין טעות נישט. דאס בין איך...

ער האט זיך געבעך נישט גערעכנט אויף קיין שום צרה, אבער די קליינע האט באלד אלץ דערציילט. זי האט אינגאנצן זיך צו אים צוגעדרוקט, געדרוקט זיין האנט צו איר יונג, קינדיש ברוסטל און מיט אירע גרויסע אויגן געקוקט פארזארגט און הילפלאז אין חשבות אריין. דער בחורל האט מיט גרויס ערנסט אראפגעלאזט דעם קאפ, אויסגעהערט יעדער ווארט און תיכף דערפילט דעם ריח פון דער פריש=געבאקענער ענגמת=נפש.

— אזוי, אזוי, לאהשי... וויל מען אונז אט=דאס קליינע שטיקל צייט אויך צונעמען...

דער בחורל האט אנגעהויבן גיין פאמעלעכער, ברייט געקוקט מיט זיינע גרויסע אויגן אין דער ווארימער, זומער=נאכטישער טונקלקייט פון גאז=לאמפן.

אינגאנצן שוין דורכגענומען מיט דער בשורה=רעה, האט ער תיכף עקשנותדיק געזוכט אן עצה, האט איבערגעטראכט פארשידענע פלענער, געזען, אז זיי טויגן נישט, זיך נישט מיאש געווען, פול מיטן באוווסטזיין, אז וואס ס'זאל נישט זיין וועט ער אלץ אזוי שטארק זי ליב האבן זיין לאהן... אייביק... פלוצלונג האט ער א קוק געטון אויפן מיידל שעמעוודיק און נישט געוואגט, פול מיט חשק עפעס צו זאגן.

— דו ווייסט, אפשר וועלן מיר חתונה האבן?.. לאך נישט, כ'בעט דיך... איך פארדין דאך שוין... כא=כא=כא... קעצעלע טייערס! דו וועסט שוין זען, וואס איך וועל מאכן...

ער האט זי נישט געלאזט רעדן, צוגעהאלטן, איר מויל מיט זיין האנט. די קליינע איז רויט געווארן און גענומען שווער עטעמען. זי האט נאך שטארקער געדרוקט זיין האנט צו איר קינדערישער ברוסט.

— וועסטו מיך אייביק ליב האבן?

די קליינע האט דאסמאל געוויינט פון גערירטקייט, אנגענומען זיינע באקן מיט אירע קליינע הענטלעך און אים געקושט אין מויל, אין די אויגן. דאס בחורל האט אנגעהויבן קלאפן מיט די ציין.

— לאהניו טייערינקע. לאה-ניו!..

ס'איז שוין געווען נאך עלף און די קליינע האט א דערשראקענע און פול מיט מורא פאר פארויסגעזעענער באליידיקונג גיך און מיט דראבנע טריטעלעך געאײַלט אהיים. זי האט דערביי אזוי קינדיש=פארזארגט איינגעבויגן איר קאפ מיט די לאנגע צעפ. דאס בחורל האט איר נאכגעקוקט און פלוצלונג אליין נישט ווייסנדיק, וואס צו טון פון גרויס ליבשאפט, האט ער איר שטיל נאכגעזאגט:

— לאהניו! — קינד!

(סוף קומט)

## פון דער רעדאקציע

○ דער קומענדיקער נומער „ליט. בלעטער“ איז געווידמעט דעם אנדענק פון שלום-עליכם. (צום צענטן יארצייט).

○ דער באוווסטער יידישער דיכטער און נאוועליסט א ב ר ה ם ר ײ ז ע ן איז די טעג אלט געווארן 50 יאר. מיר באגריסן הארציק דעם באליבטן יידישן פאלקס-דיכטער און איינעם פון די טיכטיקסטע בויער פון דער נייער יידישער ליטעראטור. מיר וועלן איינעם פון די קומענדיקע נומערן „ליטעראַרישע בלעטער“ ווידמענען אברהם רייזען, זיין לעבן און זיין שאפן.

○ פון נומער 105 הויבן מיר אן צו דרוקן אין די „ליטעראַרישע בלעטער“ געשפרעכן מיט אנגעזעענע יידישע שרייבער וועגן די אקטועלע פראגן פון דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור.

א באזונדער ארט וועט אין די געשפרעכן אפגעגעבן ווערן פאר דער פערזענלעכע שטימונגען פון די שרייבער, עס וועלן אויך געגעבן ווערן אויטאביאגראפישע שטריכן.

— איר זענט די לעצטע פאַר יאָר שטאַרק טעטיק אין דער זשורנאַליסטיק. ווי איז אייער באַציונג צום דאָזיקן געביט פון שריפטשטעלערישער אַרבעט?

— בכדי אייך געבן אַ קורצע און קלאָרע תשובה וויל איך זאָגן: אויב איך האָב אייך פריער געזאָגט, אַז קונסס וועט מוזן ווערן דאָס טאָג-טעגלעכע ברויט פוןברייטן כלל, מיין איך אַז אין יענער תקופה וועט זשורנאַליסטיק אויך זיין איינער פון יענע מינים ברויט. ווער ווייסט, צי דאָס בוך אין דער ביז-איצטיקער פאָרם וועט אין דער צוקונפט אינגאַנצן נישט פאַר-שווונדן און געפינען אַ תיקון אין דער צייטונג, ד. ה. אַז מען וועט ווייטער שרייבן „ביכער", גרעסערע ווערק, אָבער

— באַטראַכט איר די דאָזיקע מעגלעכקייט פאַר געוווּנטשן?

— יאָ.

אונזער געשפרעך איז פאַרענדיקט. איך געזעגן זיך מיט בראָדערזאָנען און וויל פאַר מיר אַליין אַדורכפירן אַ ליניע: איינער פון די ערשטע אין דער „צעזוונגענער כאַליאַסטרע" — זוכער פון אַ פולן קאָנטאַקט מיטן עולם; — נאָוואַטאָר פון טעאַטער — זשורנאַליסט, אָנזאָגער פון אַ פולשטענדיקער ממשלה פון דער צייטונג.

צי איז דאָס געווען דער פאַרגעפיל פון „מיר גייען אין אַ אומבאַוווּסטן וועג"? אין יעדן פאַל אָבער: נאָכנישט אַראָפּ פון דעם אומבאַוווּסטן וועג.

לאָדז

א. אַלפּעריז

---

# שוועסטער

## יצחק באַשעוויס / וואַרשע

סוף

אין הויז איז שוין פינסטער געווען און ס'האָט געשמעקט מיט אויסגעיויעפטע ריחות פון אַלטע מאכלים און מייז. אויף די קרומע, פיכטע טרעפּ האָבן זיך געיאָגט אַ חברה קעץ, מיט גלאַנציקע, פּאָספאָרדיקע אויגן דורכגעבויערט די פינסטערניש און זייערע לייבער זענען אָנגעצויגן געווען, פול מיטן ברען פון תאוה, גרייט צו יאָגן איבער קעלערס און דעכער. לאה האָט פאַר זיי מורא געהאַט, יעדער מאָל געבליבן שטיין, ווען זי האָט דערזען פאַר זיך אַ קאַץ און ביז זי איז געקומען צו דער טיר האָט איר האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. עס איז נאָך דאָרטן ליכטיק געווען, אין זייער שטיבל, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי געמוזט עטלעכע מאָל אָנקלאַפּן, ביז מ'האָט איר געעפנט. פרידעס טריט זענען געווען האַסטיקע און נישט זיכערע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פאַר דעם פרעמדן, וואָס קומט יעצט. אין אמתן האָט זי זיך אַזוי געמאַכט, כדי צו ווייזן לאהן, אַז זי רעכט זיך נישט אויף איר קומען. לאה האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. כדי דאָס נאָך מער אַרויסצוווייזן האָט פרידע אַ פרעג געטון מיט יעניזר שרעק און געבייזער פון אַ פריילן, וועלכער מ'שטערט די רו ביינאַכט:

— ווער איז דאָרט?!

— איך... לאה...

פרידע האָט האַסטיק און מיט אַ קלאַפּ אויפגערוקט דעם ריגל, צוויי מאָל אויפגעדרייט דעם שליסל, לאַנג געקלינגען ביים קיטל איידער זי האָט עס אָפּגעשפּעט און דער שווערער קלאַנג פון אייזן האָט אָפּגעשראָקן דאָס האַרץ ביי לאהן. פרידעס פּנים איז יעצט פונקט אַזוי צאָרנדיק = שאַרף געווען ווי פריער, נאָר די טונקעלע אויגן אירע זענען רויטלעך געווען פון לאַנגן אָנשטרענגען די ראיה אַקעגן ליכט פון לאָמפּ, פול מיט יענער צערודערטקייט, וואָס קומט פון צופיל לעזן. אַז זי האָט געזען די שוועסטער, האָט זי זי אַ פאַרטראַכטע אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס, געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער און דער כעס האָט אין איר אויפסניי אויפגעזאָטן.

— ווי? אַזוי אַרום ביסטו געקומען פאַר עלף? — אַ שיינעם דאַנק דיר פאַר דער טובה!.. אַבי איך נאָר זיץ און נעם מיר די אויגן אַרויס! אַ קליניקייט!.. הער מיך אויס — איז זי שטיין געבליבן און געגרייט זיך זאָגן עפּעס גאַנץ נייעס, ווייל איר קול איז געוואָרן מאָדנע שאַרף אין דראָענדיק און אירע ברעמען האָבן זיך געוואַלדיק פאַרצויגן, פול מיט פאַרדראָס און האַס, אַ סימן, אַז זי גייט זאָגן דעם גאַנצן אמת — אויב דו וועסט דיך אַרומ=דרייען מיט אַט=דעם גאַסן=יונג — וויל איך דיך בכלל דאָ נישט האָבן, פאַרשטאַנען? און שוין... געדענק דאָס!..

זי האָט זיך גיך גענומען אויסטון, אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די בלוזע, געבליבן שטיין אין איר לאַנגן העמד מיט אירע דאַרע האָריקע פיס. לאה איז געזעסן אויף אַ בענקל, נאָך נישט גע=האַט אַראָפּגענומען דאָס היטעלע, געהאַלטן פאַרלייגט די הענט אויף די קניען און אין איר פּנים האָבן זיך געביטן די פאַרבן. נאָר פלוצלינג האָט די קליינע אַ ציטער געטון, ווי פון אַ ביס.

— וואָס הייסטו? דו קענסט מיר פאַרווערן צו גיין מיט אים? אַז איך וויל מיט אים גיין — קענסט דו מיך נישט לאָזן!

אין די ווינקלען פון אירע גרויסע, בלויע, ברייט=צעעפנטע' באַוואַלהטע אויגן זענען געבליבן שטיין טרערן. פרידע האָט אויף איר אַ קוק געטון און איר פּנים איז צעקרימט געוואָרן פון עקל צו דער קליינער און צו איר איבערגעגעבנקייט.

— הער נאָר מיר אויף צו ניסן מיט טרערן, פאַרשטאַנען צי ניין?... נישקשה, וועסט צייט האָבן דאַמאָלס, ווען ער וועט דיך לאָזן לויפן... בהמה נאַרישע!... קאַלבע...

זי האָט זיך האַסטיק אַ זעץ אַיועק געגעבן אין איר בעטל, מיט משונהדיקער פלינקקייט גענומען ציען האָרנאָדלען פון איר גרעקל, מיט לאַנגע, דאַרע און טרוקענע פינגער. דער ביטול צו דער שוועסטער און די זיכערקייט, אַז מ'וועט זי אַוועקוואַרפן האָט מיט פאַראויסגעזעענער ברוגזקייט און שנאה צו אַלע מאַנספּערשוינען, אַראָפּגעקוקט פון אַלע קנייטשעלעך אין איר פאַרצויגענער נאָז, געלויערט פון די ווייסלעכע פאַסן הויט צווישן די שוואַרצע, קלעפּיקע האָר. די קליינע האָט אויף איר געקוקט אַ דערשטוינטע, פאַרגעסן צו וויינען און אַזוי עכט קינדעריש אַ זאָג געטון:

— אָבער אַ סך האָבן דאָך חתונה אויך...

— איז וואָס? ווילסטו שוין אויך חתונה=האָבן? נו, ביטע זייער! אָבער דאָ הינען אין שטוב וועסט דו דאָך, מסתמא, נישט חתונה=האָבן, ווי?

— אודאי נישט — האָט די קליינע געזאָגט און פלוצלינג

301 - 300 (1926) 105 W/2 61

זיך דערפילט מאָרגנס שמאָלץ — איך וועל חתונה־האָבן אין מיין אייגענער שטוב... וועסטו מיר פאַרשפּאָרן צו זאָגן, ווען ל'זאָל קומען...

זי האָט אָנגענומען ביידע צעפּ, זיי פעסט געהאַלטן, ווי זיי, די צעפּ, וואָלטן געווען פאַר איר די בעסטע גאַראַנטיע. פרידע האָט פון גרויס צאָרן גענומען רייסן אַ הינער־אויג אויף איר פוס.

— ווי ל'זע, ביסטו שוין אַ גוט פיינגעלע — האָט זי אַריינגערעדט אין איר פוס אַרײַן — נישקשה... אָך זע שוין דיין תכלית פאַרויס, זע איך שוין... איך ווייס שוין גאַנץ גוט, וואָס ס'ווערט פון אַזעלכע גלויביקע קעלבער... ביסט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע...

זי האָט ס'דורכדיק־וואַרטשענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פינסטער און ווילער אין אירע נביאות.. דערנאָך האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַרײַן, זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. די קליינע האָט זיך לאַנג אײַנגעקוקט אין איר אַנטשלאָסענעם, אײַנגעפרעסטן רוקן און דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט פון שרעק, אַז איר געליבטער קען זי אַמאָל פאַרלאָזן...

ער וועט אַוועקוואַרפן... איז דאָס מעגלעך?... גאָט אין הימל! גאָט!... וואָלק... וואָלק וועט זי, לאהן, פאַרלאָזן?...

זי האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ מיט אַ בלאָז, זיך אַוועקגעלייגט, נאָר די אויגן אירע זענען אויפגעריסן געווען אין דער פינסטערניש. נישט געקוקט דערויף, וואָס פון פרידען האָט מען קיין שאָרך נישט געהערט, האָט די קליינע געפילט, אַז יענע שלאָפט אויך נישט, ליגט נאָך אַלץ אַזוי אָנגעשטרענגט, צונויפגעקאָרטשעט און טראַכט אירע שלעכטע מחשבות, טראַכט וועגן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זי נאָך הייסער ליבע און געשוווירענער טרײַהייט אַוועקגעוואָרפן... אַוועקגעשיקט זי, ביז די האָר קריכן איר אויס... די פינסטערניש פון וואַך־זײַן איז שטייף געוואָרן, געלעגן הײס און געפרעסט איבערן פנים און נישט געלאָזט פינטלען מיט די אויגן.

דער קאָפּ האָט איר ווייט געטון, פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען וואָלק, ווי ער קושט אַן אַנדער מיידל, אירס אַ חברטאָרין, אַ ברייטע, מיט גראָבע פיס, מיט אַזאַ פלעגמאַטיש־צעפלאַטשט פנים... לעבן דער קיך האָבן אָנגעהויבן רוישן עכברים, צום ערשטן שטיל. פלוצלונג האָט אַ גראָבע מויז אָנגעהויבן מיט שווערער, פאַרלאָפּטער שנעלקייט לויפן איבער דער שטוב, געפּויקט מיט איר ווײַלן, אָנגעראָפּטשעטן בויך אין דער פאָדלאָגע. פרידע האָט זיך אויש אַ וואָרף געטון פון שרעק און פלוצלונג אַזוי נאַכטיש סודותדיק געזאָגט:

— לאה!

— יאָ —

— דו שלאָפסט נישט?

— ניין.

— דו הערסט, וואָס דו טוסט זיך? — גיי צינד אָן דאָס לעמפּל... ניכער! ניכער!

לאה איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט, געציטערט, אַז זי זאָל נישט אָנטרעטן מיט איר באָרוויסן פוס אויף אַ מויז און אָנגעצינדן אַ לעמפּל. פרידעס פנים איז פאַרגליווערט געווען פון נישט שלאָפן. אַז לאה האָט אָנגעצינדן, האָט פרידע זיך אויפגעזעצט און אַזוי הויך זיך צעגעניצט, אַז געלבלעכע טרערן זענען איר געבליבן שטיין אין די ווינקלען אויגן. ביידע שוועסטערס בעט איז שוין לאַנג געווען פאַריבער.

— זעסט נישט, ס'טאָגט שוין אינדרויסן? — האָט פרידע געפרעגט

— ניין.

— ס'וועט מסתמא באַלד אָנהויבן טאָגן — האָט פרידע גערעדט מיט אַ מאַט קול — מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך דאָס, דער בחור דײַנער?

— אין אַ שניט־געשעפט —

— און ער וואָלט געוואָלט מיט דיר חתונה האָבן?

— אַזוי זאָגט ער — האָט לאה געענטפערט און זיך פלוצלונג פאַרוווּנדערט פון איר אייגענעם טאָן.

זי איז געשטאַנען בײַם פענסטער, געזען, ווי אין דער נאַכט ווערט גרוי אַ שוואַרץ, רויִיק שטיקל וואָלקן אין מזרח זייט. פרידע האָט לאַנג נאָכגעקלערט מיט אַ נאָכגעהאָנגענעם קאָפּ, צוגעשאָקלט אים און זי האָט יעצט גערעדט, ווי אַן עלטערע שוועסטער, וואָס זאָרגט פאַר דער יונגערער.

— ער וויל חתונה האָבן — זאָל ער חתונה האָבן. דאַרף ער אויף גאָרנישט וואַרטן. וואָס האָט ער מורא אַמאָל אַרויפצוקומען, וואָס?.. פאַרוואָס נישט?.. קיין אַנדער תכלית איז פאַר דיר נישטאָ.. שוין?... די האָסט שוין אויך אויפגעהערט שלאָפן בײַנאַכט?.. זאָל זײַן מיט מזל!...

אין אַ אַקעגנאיבערדיקער דירה האָט זיך צעקרייעט אַ האָן, הײַם אַ פּאַטש געטון מיט די פליגל. די פייכטע שויבן זענען פאַרטאָגניש ווייסלעך געוואָרן. דער פרישער טאָג האָט אַרײַנגעקוקט אין געלטיקן, נישט אויפגערוימטן שטיבל אַרײַן צעשויבערט, גרינלעך־טריב און כמוריק־מבולבל ווי אין אַ צימער, וואו מ'וואַכט בײַ אַ חולה מסוכן...

## פון דער רעדאַקציע

— די פראַגע וועגן ענדערן דעם יידישן אויסלייג פון די העברעיִשע ווע־טער האָט אַרויסגערופן אַ לעבעדיקן אינטערעס צווישן שרייבער און לעזער. אין קומענדיקן נומער קומט אַן אַרטיקל פון פ אַ ל ק ה יי ל פּ ע ר י ן.

— אין דעם צווייטן נומער וועט אַרײַן אַן אַרטיקל פון מ. זילבערפאַרב — ב ע ר ב אָ ר אָ כ אָ וו און זיין ב י אָ ג ר אַ ף.

— דעם יידישן לעזער אינטערעסירט שטאַרק צו הערן, וואָס עס זאָגן יידישע שרייבער וועגן זיך און וועגן די וויכטיקסטע אַקטועלע פראַגן פון דער יידישער ליטעראַטור. אין די ווייטערדיקע נומערן וועלן מיר ברענגען שמועסן מיט ד״ר י. שיפּער, ז. סעגאַלאָוויטש, אַלטער קאַציזנע א. א.

## לעזער און פריינט!

אין העכער 350 שטעט און שטעטלעך אין פוילן ווערן די „ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ב ל ע ט ע ר" פאַרשפּרייט. אין פיל פונקטן לייענען צענדליקער און הונדערטער לעזער איין נומער. דער אַלץ־וואַקסנדיקער אינטערעס צו אונזער וואָכנשריפט איז זייער אַ דערפרייענדיקע ערשיינונג. אָבער ווילט איר, אַז די „בלעטער" זאָלן וואַקסן און זיך פאַרבעסערן מוזט איר אונז מיטהעלפן.

זאַמלט אַבאָנענטן פאַר די „בלעטער"!

בײַ אַ קליינער אָנשטרענגונג האָבן עטלעכע קלענערע פונקטן לעצטנס געשאַפן נייע אַבאָנאַמענטן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ | — 16 אַבאָנאַם. | כעלם | — 6 אַבאָנאַמענטן |
| קאָברין | — 12 ״ | ביעלסק | — 6 ״ |
| לוניניעץ | — 11 ״ | זאַמאָשץ | — 6 ״ |
| ליאַכאָוויץ | — 8 ״ | | |

זאָל עס זיין אַ גוטער בײַשפּיל פאַר די איבעריקע הונדערטער יידישע שטעט און שטעטלעך!

קלויבט אַבאָנענטן פאַר די „ליטעראַרישע בלעטער"!